RADOMER-KIELCER LEBEN" № 15 (155) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" פרייז 25 גראשען פירטער יאהרגאנג

# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט 12 זייטען.

אדרעס
פון „ראדאמער-קעלצער לעבען"

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען פרייזן!
איין מילימעטער שורה: פאר'ן טעקסט 20 גר.
„ „ „ אין „ 40 „
„ „ „ נאכ'ן „ 18 „
די ערשטע זייט ענטהאלט 8 שפאלטען
אין טעקסט און לעצטע זייט 4 „

ראדאם פרייטאג י"ג ניסן תרפ"ז דאר, אינהאלט פון בעקבט אין די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך

15-go kwietnia 1927 r.

## ראדאמער כראניק

### ווי אזוי האט היי-יאהר אויסגעזען די פסח-אקציע.

דאס היינטיגע יאהר איז די גאנצע לאסט פון די פסח-אקציע געפאלען, אויף דער געזעל. „עזרה". די גמינע האט היי-יאהר קיין פסח-אקציע נישט אונטערגענומען, נאר יוצא געווען מיט צוטיילען עטליכע טויזענד זלאטעס דער „עזרה" (נאך שוין אריינרעכענדיג די „עזרה"-סובסידיעס). און אלץ האט „עזרה" געברויכט א יספיהרען. האט טאקי „עזרה" דורכגעפיהרט די פסח-אקציע אין דער זארגפעלטיגסטער ארדנונג און מיט דער גרעסטער איבערגעגעבענהייט, אנגאזשירענדיג זיך אין הובות איבער איהרע כחות. דאס ביורא פון „עזרה", ווי אויך דער מאגאזין זענען געווען טעטיג פון פריה ביז שפעט אין דער נאכט אהן הפסקה. ווען נישט די בעמיהונגען פון „עזרה" וואלטען הונדערטער ארימע און נויטבעדערפטיגע געבליבען פילשטענדיג אהן פסח-פראדוקטען און געמוזט הינגערן גאנצע 8 טעג פסח. עמיצען (נישט פון דער „עזרה", ווער דער עמיצער איז, דאס איז א קאפיטעל פאר זיך און מיר וועלען זיך נאך צו דעם ענין אומקעהרען) האט זיך פערגליסט ארויסצוגעבען א גזרה, אז די, וואס האבען בעקומען אמאל פראדוקטען פון מאגיסטראט זאל קיין פסח-שטיצע פון „עזרה" נישט בעקומען (קאזאצקע-יושר) און צוליב דער גזירה רעה איז אין „עזרה" ענטשטאנען א חאאס און ס'האט שיער נישט געהאלטען דערביי, אז הונדערטער ארימע בכבוד'ע זאלען בלייבען אהן שום שטיצע אויף פסח.

א דאנק אבער דעם ענערגישען ארויסטריט און פראטעסט פון „עזרה", איז געלונגען די גזירה אבצורופען און אלע נויטבעדערפטיגע, וועלכע מ'האט פריהער געהאט אבגעזאגט, האבען בעקומען שטיצע. אזוי נאך האט „עזרה" פשוט פערדרייפאכט די פסח-אקציע, נישט לוקענדיג וואס די מאטעריעלע מעגליכקייטען זענען נישטא, אבער מיט דער האפנונג, אז די היגע יודישע בעפעלקערונג וועט אבשאצען די טהעטיגקייט פון „עזרה". די פראדוקטען וואס זענען געטיילט געווארען זענען בעשטאנען פון מצות, שמאלץ, צוקער און טייה.

בכלל ביי דער גאנצער ארבעט שטייען פעראנטווארטליכע און געניטע מענשען, אזוי געהערן צו דער איינקויף קאמיסיע די ה"ה וויצע פרעזעס אדלער איתמר, סעקרעטאר ד"ר שענדעראוויטש פישמאן מרדכי לייב און ווייטנרויב ה. נירענבערג מ י.

---

### די ראדאמער אבטיילונג פון דער געזעלשאפט „טאז"

מאכט בעקאנט די מיטגלידער פון „ט א ז", אז דעם 30 אפריל ה. י. שבת, פינקטליך 8 א זייגער אווענד קומט פאר, אין אייגענעם לאקאל פון דער געזעלשאפט (דלוגא 24), **א אויסערגעוועהנליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיטגלידער.**

מיט פאלגענדען טאג ארדנונג:

1) ערעפנונג. 2) וואהלען פון פרעזידיום. 3) בעריכט פון צוזאמענפאהר אין ווארשא, דעם 6 מערץ ד. י. 4) בעריכט פון דער טעטיגקייט פון דער ראדאמער אבטיילונג. 5) בעריכט פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע 6) פלאן פון דער ווייטערדיגער טעטיגקייט 7) וואהלען פון מיטגלידער אין דער פערוואלטונג און רעוויזיאנס קאמיסיע. 8) פרייע פארשלאגען. בעמערקונג: אין פאל פון נישט קומען די נויטיגע צאהל מיטגלידער, וועט, לויט דעם 20 § פון סטאטוט, די פערזאמלונג פארקומען אין דעם זעלבען טאג 9 א זייגער אווענד און וועט זיין גילטיג ביי יעדער צאהל מיטגלידער.

---

כשר לפסח קאנקורענץ! כשר לפסח
וויין, מעד, י"ש, כרמל
די לאנג עגזיסטירענדע פירמע
„ירמיה ראזענבערג" (וואלאווע 21)
איז פארזעהן אויפ'ן קומענדען פסח מיט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע
וויינען אויסלענדישע און אינלענדישע, מעד,
י"ש 90° — 96° ווי אויך כרמל.
די רעעלקייט און כשרות פון דער פירמע איז אלגעמיין בעקאנט. דעריבער קויפט
נור ביי ירמיה ראזענבערג וואלאווע №21

אויף פסח
קויפט נור




„כרמל"
וויין און קאניאק
„כרמל"-וויין און קאניאק איז כשר לפסח
אפילו למהדרין מן המהדרין.
„כרמל"-וויין און קאניאק איז בעסער פאר די טייערסטע אויסלענדישע וויינען און קאניאקען.
זוכט נאך אויפ'ן עטיקעט די שוץ-מארקע:
2 מרגלים טראגען דעם אשכול. אהן דעם איז עס נישט קיין „כרמל".

JASNIEJ SŁOŃCA
NAJLEPSZA ZAPRAWA DO PODŁÓG
פרישט אב פאסאדיקעס, לינאלעאום און פארבט אין פערלויף פון איין שעה, וויסע פאדלאגעס אויף רויט אדער טונקעל-ארזשעך.

צו דער פערלאבונג פון אונזער שוועסטער און שוועגערין
**מאשאלע ראזענבערג** מיט ה' **חיים זיעלאני** קעלץ
וואונשען מיר זיי ווי אויך די ליעבע עלטערן א הערצליכען מזל טוב.
**פיילמשע און מרדכי ליב פישמאן** ראדאם.

---

**א הערצליכען בלייבט געזונד**
וואינשע איך מיינע ליבע עלטערן, קרובים און פריינד. דעם ג' ה' רעדאקטאר
**מאיר הערץ** מיט זיין ליבע פרוי **לאה'טשע**
צו מיין אבפאהרען נאך קאנאדע.
ראדאם **שלמה ליפשיץ.**

---

בברכת מז"ט חמה ולבבית אנו מברכים
את דודתנו **דינה** תחי' ואת בנה מר
**שמחה נייימאן** לארושיו את העלמה **עלקה קורמאן**
יהי קשרם קשר של קיימא!
**ברוך נייימאן** (ב"ן) ורעיתו

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער ברודער'ן-זוהן
**שמחה נייימאן** מיט פר"ל **עלקע קארמאן**
וואינשען מיר איהם און אונזער שוועגערין
מז"ט און פיעל גליק.
**נתן נייימאן** עט פרוי און **קינדער.**

Dodatek „Radomer-Kielcer Leben“

№ 15 (155) ביילאגע צום „ראדאמער־קעלצער לעבען“

# דער פעראייניגטער יודישער וואהל־קאמיטעט צום שטאדט־ראט אין ראדאם.

# אויפרוף

## צו די ראדאמער יודישער בעפעלקערונג!

## די וואהלען צום שטאדט־ראט אין ראדאם רוקען שויז אן און דער וואהל־פראצעס איז אין פולען גאנג.

די וויכטיגקייט פון די שטאדטישע זעלבסט־פערוואלטונג, וועלכע נעמט ארום אלע געביטען פון שטאדטישען לעבען, איז אלעמען גענוג קלאר און דעריבער ליגט א חוב אויף יעדען בירגער אויסצונוצען זיין רעכט און אבצוגעבען זיין שטים.

פערשטעהענדיג די נויטיגקייט פון דער איינהייטליכער געמיינזאמער וואהל־ארבייט פאר די יודישע בעפעלקערונג, האבען זיך אלע גרעסטע יודישע ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס פעראייניגט און געבילדעט א פעראייניגטען יודישען

# וואהל קאמיטעט

דער ערשטער חוב פון די וועהלער איז צו קאנטראלירען, צי זייערע נעמען פיגורירען אין די וואהל־ליסטעס. דאס קאן מען נאכזעהען אין די לאקאלען פון די וואהל־ראיאנען די פאלגענדע דריי טעג:

14, 15 און 16 אפריל (דאנערשטאג און פרייטאג צווישען 5 — 7 און שבת צווישען 1 — 3 נ. מ.)

מיר רופען אלע מענער און פרויען, וועלכע זענען אלט 21 יאהר, דאס צו קאנטראלירען און עווענטועל תיכף צו פאדערן אריינצוטראגען זייערע נעמען אין די ליסטעס. אנדערשט וועלען די נישט פערשריבענע וועהלער נישט קענען ערפילען זייער רעכט און פליכט, און דאדורך וועט די יודישע פארשטעהערשאפט אין שטאדט־ראט, און מאגיסטראט ווערען געשמעלערט און די אינטערעסען פון דער יודישער בעפעלקערונג וועלען דורך דעם שטארק ליידען.

**יודען בירגער!** ערפילט אייער ערשטען בירגערליכען חוב! געהט מאסענווייז קאנטראלירען אין די וואהל־ראיאנען צי איהר האט די מעגליכקייטען אנטייל צו נעמען אין די וואהלען צום שטאדט־ראט!

**דער פעראייניגטער יודישער וואהל־קאמיטעט** האט זיין זיץ אין סוחרים־פעראיין (לובעלסקא 18) און דער סעקרעטאריאט איז טעטיג פון 12 ביז 2 און פון 3 ביז 9 אוונד און דארט ווערען ערטיילט אלע נויטיגע אינפארמאציעס.

### דער פעראייניגטער יודישער וואהל־קאמיטעט

ארטאדאקסישע ארג. אגודת־ישראל — יודישער האנדווערקער קלוב

ציוניסטישע ארג. — סוחרים־פעראיין.

ארגאניז. מזרחי

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC — Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlikowska № 20.

ה׳ י. שטאטמוויינער מיט 5 זל. און רופט ארויס: משה ליבא רעמבישעווסקי, חיים כץ, ישעי׳ אייגער, יצחק אייגער, פינעס שמואל, ישעי׳ ריכטמאן, משה גוטבוים און יוסף ווארשענבערג.

איינגאך ראזענפעלד ענטפ. געגם. באנקירער מיט 5 זל. און רופט ארויס: רעניע בירענבוים, מאניע צהרלין, העניעק בערקאוויץ.

בראניע פרידמאן ענטפערט דעם יודישען סטוד.-פעראיין מיט 5 זל. און רופט ארויס: גענויע פינקעלשטיין, צע-ליא בוקער און צעשא ניימאן.

מאיר עוים ענטפ. דעם סטור. ספי-רימוס מיט 5 זל. און רופט ארויס ישראל מאיר גוטמאנען (קוטנא).

מארטא הערמאן ענטפ. פראפ. גליקי פמאן מיט 5 זל.

ברידער גאטליעב איינגעצאהלט 5 זל אלי׳ טענענבוים ענטפ. דעם ה׳ משה בלומאן מיט 5 זל.

פרל׳ ט. גאלדבערג צאהלט איין 5 זל. און רופט ארויס דעם ה׳ יוזעף ניקערמאן (ווארשא).

איזאק סאלבע צאהלט איין 5 זל. און רופט ארויס דעם ה׳ העניעק בארענ-שטיין.

## פארלעזונג פון ד״ר פאמראק.

היינט, פרייטאג, 8 אזייגער אווענד, קומט פאר, צו דער ערעפנונג פונם היגעגישען פאלקס-אוניווערזיטעט ביים היגען „טאז״ (דלוגא 24), א פארלע-זונג פון ד״ר פאמראק פונם ציקעל „טו-בערקוליאז״ א. ד. ט. „דער קאמפף מיט טובערקולאז אין די פאבריקען און ווארשטאטען״. די פארלעזונג וועט זיין אילוסטרירט דורך ליכט בילדער.

איינגאנג אימזיסט פאר אלע.

## פון „ט א ז״

„טאז — וואך״

צווישען דעם 20 אפריל ביז דעם 26 א. ג. ד. י. וועט אין גאנצען לאנד און אויך אין ראדאם פארקומען „א טאז-וואך״. די איינצעלהייטען וועלען ווע-רען מיטגעטיילט.

• • •

## גרויסע עלטערען-פערזאמלונג.

פרייטאג, דעם 22 אפריל ד. י. פינ-קטליך 8 אזייגער אווענד קומט פאר אין דער היגער אבטיילונג פון „טאז״ (דלוגא 24) א גרויסע עלטערען-פער-זאמלונג, וועגען זעהר וויכטיגע פראגען, וועלכע האבען א גרויסע בעדייטונג פאר די קינדער, וועלכע לערנען אין די ראדאמער חדרים (פריוואטע און געזעלשאפטליכע).

עס וועט ארומגערעדט ווערען די פיאגע וועגען דעם אלגעמיינעם היגע-נישען צושטאנד פון די חדרים, וועגען די דעקאווירים — אריפיכט איבער זיי, און אויך וועגען זומער-קאלאניעס פאר קינדער אין גאבאטקא און אין אנדע-רע ערטער.

עס איז געווינשען, אז אלע עלטערן, וועלכע האבען אין די היגע חדרים זאלען, אין זייער אייגענעם און זייערע קינדערס אינטערעס, אנטייל נעמען אין דער דאזיגער פערזאמלונג.

איינגאנג אומזיסט פאר אלע.

## פעראייניגטער וואהל-קאמיטעט.

אין צוזאמענהאנג מיט די קומענדי-גע וואהלען צום שטאדט-ראט, איז געג-רינדעט געווארען א פעראייניגטער וואהל-קאמיטעט, אין וועלכען ס׳נעהמען אריין פאלגענדע ארגאניזאציעס: פוחרים-פער-איין; האנדווערקער-קלוב; ציוניסטישע ארגאניזאציע; ארטאדאקסען; מזרחי; דער קאמיטעט איז שוין צוגעטרעטען צו א רייהע טעכנישע פארבערייטונגען אין שייכות מיט די וואהלען.

דאס ביורא פון וואהל-קאמיטעט גע-פינט זיך אין לאקאל פון סוחרים-פער-איין, לובלינער 18, וואו ס׳ ווערען פר-טיילט אינפארמאציעס יעדען טאג פון 11—2 פריה און פון 3 ביז 9 אווענד.

## סימפאנישער קאנצערט פון דער מוזיק-שולע פון ה׳ פ. גיסער

ווי אלע ווייסען, עקזיסטירט אין ראדאם א מוזיק—שולע, בעשטעטיגט פון בילדונגס — מיניסטעריום, וועלכע גיעט די מעגליכקייט די היגע יודישע יוגענד צו בעקומען מוזיקאלישע אויס-בילדונג. די שולע עקזיסטירט פון יאהר 1918 און אין האט דורך דער צייט שוין ארויסגעגעבען א רייהע פעהיגע און טאלאנטפולע שילער, וועלכע שטודירען היינט אין די קאנסערוואטאריומס און אין חויבע מוזיק אקאדעמיעס, אין וויען, פאריז, א. א. ד. דער לייטער פון די שילער ה׳ גיטער ווייזט ארויס פיל איבערגעגעבענהייט אין פעטיום און נישט קוקענדיג אויף די דעפיציטען, וועלכע ענטשטעהען צוליב דעם בעס-רייען אינגאנצען, ערער טיילווייז פון שכר-למוד די אינפערמעגליכע טאלאנט-פולע שילער — דערהאלט ער די שו-לע מיט אלע אנשטרענגונגען.

דעם 26-טען ה. ח. קומט פאר דער יעהרליכער קאנצערט פון דער דער-מאנטע שולע און עס ווערען געמאכט די נויטיגע פארבערייטונגען דער קאנצערט זאל געלונגענער זיין אויסגעצייכענט. ס׳איז צו פערהאפען, אז דאס מאהל וועט די יודישע געזעל-שאפט אין ראדאם, ארויסווייזען דעם געהעריגען אינטערעס און מאסען-ווייז בעזוכען דעם קאנצערט, בכדי צו געבען די מעגליכקייט די נישט פער-מעגליכע שילער זאלען ווייטער פארט-זעצען, זייער לערן און נישט ברויכען זי איבעררייסען צין דער מיי.

## אווענד פון „אאוקסיליום אקא-דעמיקום יודאיקום״ אין ראדאם.

די געזעלשאפט צו שטיצען סטודענ-טען א. נ. „אוקסיליום אקאדעמיקום יודאיקום״ אין ראדאם ארדענט אין דעם 19 ה. י. אין לאקאל פון סוחרים-פעראיין א חברישען טאנץ אווענד. דער אווענד וועט געלעגענהייטליך פער-אנשטאלטעט אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס זאן הייט 5 יאהר זייט די יעצ-מאלגע געזעלשאפט עקזיסטירט


# יודישער סטודענטען-קרייז
## אין ראדאם.

עס ווערט דערמיט בעקאנט געמאכט די מיטגלידער פון יודישען סטודענטען קרייז אין ראדאם, אז מאנטאג דעם 18/IV ד. י. (צווייטער טאג פסח 4 א זייגער נ. מ. קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, וויטאלדא 7 די

# אלגעמיינע יעהרליכע פערזאמלונג

מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג:

1. ערעפנונג
2. וואהלען פון א פארזיצענדען
3. טעטיגקייטס-בעריכט פון דער פערוואלטונג און חברים געריכט אין יאהר 1926/27 — מאגיסטער א. סאלבע
4. בעריכט פון דער רעוויזיאנס קאמיסיע — אינזש. יעקב פירסטענבערג
5. ארבייטס פלאן אויף ווייטער (רעפעראט) — סטוד. מ ניימאן
6. ויכוחים
7. פארשלאגען און רעזאלוציעס
8. פערשידענעס
9. וואהלען פון א פערוואלטונג, חברים געריכט און רעוויזיאנס קאמיסיע.

# 1922 — 1927

*Stow. Pomocy Stud. Żydom „Auxilium Academicum Judaicum" w Radomiu.*

**Z okazji 5-cio lecia istnienia urządza we wtorek dnia 19 kwietnia b. r. o godzinie 9 wiecz. w lokalu ZWIĄZKU KUPCÓW Lubelska 18.**

# TANECZNĄ WIECZORNICĘ TOWARZYSKĄ

## (z atrakcjami)

Bufet słodki świąteczny!

**Bilety załącza się do zaproszeń.**

**Bilety nie zwrócone do dnia 18 kwietnia b r. (Kurower Lubelska 1) będą uważane za nabyte!**

*Wejście tylko za okazaniem zaproszenia!*

**Bilety w cenie zł. 2.**






# קעלצער „חד גדיא"

רעדאגירט פון **ירוק בן-מרדכי.**

## דער סדר פון די קעלצער כלל-טהוער און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס.

**קדש.** טאמער שרייבט א מיטארבייטער פון „ראדאמער-קעלצער לעבען" א קריטיש ווארט געגען א כלל טהוער אדער געזעלשאפטליכע אינסטיטוציע, קאן ער ווערען א קדוש...

**ורחץ.** קוים איז א יודישער אנגעשטעלטער נישט מסכים מיט געוויסע נישט אויסגעהאלטענע קאפריזען פון זיין פרנסה-געבער, וואשט מען זיך צו איהם...

**כרפס.** דאס געזעלשאפטליכע לעבען אין קעלץ, איז הפקר ווי פיעט-רושקא... מ'האט אפילו נישט קיין מורא פאר א דעפוטאט אדער סענאטאר...

**יחץ.** טאמער רעדט מען א שלעכט ווארט אויף א יודישען דאקטאר, דאזאר, לאווניק, אדער ראטמאן, קאן מען צובראכען ווערען „כחרס הנשבר"...

**מגיד.** אויב די יודישע גמינע צאהלט נישט אויס פינקטליך די פענסיעס פון מאנכע כלי קודש'ניקעס, אדער מען גיעט זיי נישט קיין הוספה, געהען זיי זאגען דארט אהין, וואו מען דארפט נישט...

**רחצה.** טאמער טראכט די קהלה איבערצונעמען און אין ארדנונג צו ברענגען דאס בית-עולם, סטראשעט מען, אז מען וועט נישט וואשען... (די טויטע.)

**מוציא.** ס'איז גרינגער צו שטארבען, איידער פון א כלל-טהוער „מוציא" צו זיין א פאסענדע נדבה אויף א יודישען נאציאנאל-קולטורעלען צוועק.

**מצה.** אפילו די אמעריקאנער יודישע כלל-טהוער, זענען היי יאהר אויך געווען „פרזשיטאמנע" און נישט געשיקט קיין מצה...

**מרור.** צו ארבייטען מיט כלל-טהוער, וואס דרשע'נען זעהר שיין און זע-נען נאר אויסען זייער אייגענע „טובה"... איז ערגער ווי מרור...

**כורך.** אויף א פערזאמלונג פון א געזעלשאפטליכע אינסטיטוציע מישט מען אויס: „לינת-הצדק", גימנאזיע, בית-יתומים, קהלה, מאסקען-בעלער, דאקטוירים סכסוך, שוחטים, שטאדט-ראט, בית-עולם, ציוניסטען, סוחרים-פעראיין, מורהי, למחא-דפסחא, האנדווערקער, קראנקען-קאסע, אגודה, אוקסיליום אקאדעמיקום יודאיקים, שומרי-שבת, מרחץ א. אז. וו. און מען ווייסט נישט וואו מען האלט...

**שלחן-עורך** דער „בית-יתומים" גרייט פאר א פייערליכע אקאדעמיע, מיט דער בעטייליגונג פון א דעפוטאט, דער „השומר-הצעיר" אלארמירט א רעפעראט וועגען רעוויזיאניזם, די הוצאות קאסטען אב אוצרות מיט געלד און ביידע כלל-טהוער „פרייערען" אב דעם עולם...

**צפון.** אויף באנקעטען טרעפט מען א סאך כלל-טהוער, נאר צו פראקטישע ארבייט בעהאלטען זיי זיך אלע...

**ברך.** ווילסטו, אז מ'זאל דיך נישט „בענטשען"... הער אויף צו זיין א כלל-טהוער און ארבייט וויניגער לטובת דער געזעלשאפט...

**הלל.** כלל-טהוער, פערהיפערען דעם פסוק פון הלל: „פתחי לי שערי צדק"... (ביי זיי איז קיין צדק נישטא...)

**נרצה.** ווען ס'קען מיטמאכען אלע פאליטישע קונצען, שמייכעלט צו אלע-מען, זאגט יעדען צו הרים וגבעות און וויל נושא חן זיין ביי אלע פארטייען, דער איז א בעוויליגטער כלל-טוהער...

אצינד געהט די קשיה, אויף וועלכער קיינער קאן קיין תירץ נישט געבען...

---

די יודען אין מצרים, וועט איהר דאך פרעגען פאר וואס? ווייל מיר זאגען נישט: כל דכפין ייתי וייכול, ווער ס'האט אנ'ארטיקעל געגען מאסקען-בעלער אדער וועגען דער קרימער קאלאניזאציע זאל קומען און געדריקט ווערען, כל דצריך ייתי ויפסח, ווער ס'דארף א קאריערע זאל דורך דער רעדאקציע געלויבט ווע-רען, השתא הכא - דאס היריגע יאהר איז א דורך בשלום אהן פעטש... ושנא הבא, - סטראשעט א כלל-טהוער, אויב איהר וועט שרייבען געגען מיר, וועט איהר זיין „בני חורין"... און בארעא דישראל, און גייט מיך „קלאגען" קיין ארץ-ישראל...

■■■■■■

## עבדים היינו.

(ספעציעל צו זאגען פאר די היינטיגע מיידלעך.)

עבדים היינו לפרעה במצרים, מיר האבען אמאהל געשפילט א גרויסע ראָ-לע, ס'איז אונז גוט געווען, ווי פרעה אין מצרים, מ'האט נאך געהאט א נישט-קשה'דיגען נדן, ויוציאנו משם ביד חזקה, האט מען אונזער פערמעגען ארויס-געצויגען דורך פערשידענע שטייערען ביד חזקה. ואילו לא הוציא, ווען מען וואלט דאס ביסעל געלד נישט געווען ארויסגעצויגען, הרי אנו, וואלט מען זיך געהאט וואס איינצורעדען א שעהן מיידעל וואלט געקרענקט אויף א דאק-טאר, אנ'אדוואקאט, א דענטיסט, לכל הפחות אויף א פראוויזער (א בעאמטער הייסט ביי זיי א בטלן.) און א געווענ-ליך יונגעל אהן א מאניקור און אהן טשארליסטאן, וואלט ביי זיי געווען ווי א שפין אין די אויגען, נאר היינט, ווען דער עולם איז נעבעך „גאלע"... אפילו כלנו חכמים, ווען מיר האבען אפילו מאטורע, אוניווערזיטעט — בילדונג, ווען מען ארבייט אפילו אין א באנק, כלנו יודעים את התורה, ווייסען מיר שוין אלע די תורה, אז ס'איז בעסער בעציי-טענס צו טוהען א שידוך, אפילו מיט א געוועהנליכען בחור, איידער צו זיצען ביז'ן גרויען צאפ אריין, מצוה עלינו לספר, מעג מען שוין א געוועהנליכען יונגערמאן אויך ערקלערען ליבע... וכל הרבה לספר, וועלכעס מיידעל ס'איז מעהר געשיקטער, מעהר דיפלאמאטישער און פערצייכט דעם בחור אויפ'ן מאס-קען-באל, וואס מעהר מעשיות, וואס זע-נען נישט געשטויגען און נישט געפלוי-גען, הרי זה משבח, דו טהוסט ווי א חכם...

---

## ווי אזוי די קעלצער יודען וועלען דעם פסח אפריכטען דעם סדר.

ווען די שטיצע פון די אמעריקאנער קיעלצער יודען וואלט חאטש אנגעקומען אויף שבועות וואלט אויך געווען — — דיינו

א געוויסער היגער כלל טהוער, וואס האט עטליכע יאהר בעקומען פענסיע פאר זיין געזעלשאפטליכע ארבייט, — ווען ר'וואלט חאטש געווען אין דער פערוואלטונג פון דער קראנקע-קאסע, נישט אין ראט — — — דיינו.

א מאנופאקטור-סוחר: יא, א באנקראט. נאר ווען ר'וואלט זיך באלד געקאנט מאכען א בייער שענק, אדער א וואיר-שטען-געשעפט — — — דיינו.

דער פארז. פון דער געזעלשאפט פון פריינד פון העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים: ווען ר'וואלט חאטש צו-זאמענגערופען איין זיצונג -- דיינו.

פאטער צו זיין טאכטער: יא, געהען אויף מאסקען-בעלער, נאר וואלסט דיר חאטש אהיימגעברענגט א חתן דיינו.

א קיעלצער שוחט: יא, צו באטען א גאמען אין שטט הויז און ס'זאל זיין שא, שטיל — — — דיינו.

זאל נישט זיין קיין ארדנונג אויפ'ן בית-עולם, אבי מען בעצאלט — דיינו

א ציוניסטישער לידער: נאך וואס צאהלען פאר'ן „קרן-היסוד", פאר'ן נא-ציאנאל-ראט, קויפען א „שקל", אבא-נירען די „הצפירה", געדענקען אין די נאציאנאל-פאנד-פושקע, אז כבין נאר רעגיסטרירט אלס ציוניסט איז דען נישט — — — — — — דיינו.

מאנכע לעזער פון אונזער צייטונג: נאך יאס ניג מיר צו אבאנירען די צייטונג אז כ'בארג זי מיר ביי א שכן,

## „הא לחמא עניא".

(וואס דער קעלצער רעדאקציאנס-קאלעגיום דארף זאגען ביים סדר).

הא לחמא עניא, די אכלו אבהתנא. זער ארימע רעדאקציע, וואס מיר ליידן בארעא דמצרים, דאס איז נעבעך אונז אלץ נישט צוליב איהר, ווי א מאהל

אין דען ניסט — — — דיינו.

די [illegible] צו וואס [illegible]
אין [illegible] אז מיר
ועבען [illegible]
— דיינו.

א סוחר: צו וואס צאהלען יעדען חדש פארן סוחרים-פאראיין, אז איך הער אזוי אויך די רעפעראטען פון דעפוטאט ווישליצקי — — — דיינו.

יודישער געמיינדע-פיהרער: נאך וואס דארפען מיר פריינאג פאר נאכט די שומרי שבת, אז דער מקוה-פייפער פייסט, אין דען ניסט — — — דיינו.

א שמש: נאך וואס דרך-ארץ פאר די בעל הבתים, אז די „ביזנעס" געהען אזוי אויך ניסט קשה דיג — דיינו.

# על אחת כמה וכמה.

על אחת כמה וכמה, ונתן לנו את ממונם, אז איך האב די „גאטניאבס", וגם את המן אז איך האב ב"ה פרנסה בריוה, וקרע לנו את הים. וואס אהרט מיך אז ארבייטסלאזע זענען אונצופרידען, וספק צרכנו ארבעים שנה, אז כ'בין שוין פערזארגט מיט פרנסה אויף פיערציגער יאהרען. ונתן לנו את השבת, אז יעדען טאג איז ביי מיר שבת, והכניסנו לארץ-ישראל, אז פאר 500 פונט קאן איך מיר פאהרען קיין ארץ-ישראל אהן א סערטיפיקאט און אהן ציוניסטישען פאלעסטינא-אמט. איי, א יור דארף דאך העלפען בויען ארץ-ישראל? דאס זאל זיין א כפרה על כל עונותיו...

---

דעם עכטען

**SIROLIN**

**<ROCHE>**

קען מען ווידער בעקומען
אין אלע אפטייקען אין פוילען
צום פרייז 6.50 זל.

---

# ראדאמער עלטערען!

אלע ספירען פון די ראדאמער יודישע עלטערן דריקען אויס זייער דאנק און **אנערקענונג** אונזער איינציגע **העברעאישע שולע**, וואו יודישע קינדער בעקומען **א רעליגיעזע ערציהונג** און לערנען גרונדליך **גמרא, רש"י, פירוש התפלות, דיני שלחן ערוך און תנ"ך מעברית לעברית, ומעברית ליהודית** לויט די נייעסטע **פעדאגאגישע** מעטאדען. וועלכע בעשטעהען נישט פון מעכאנישען נאכזאגען, נאר פון שנעלען אריענטירען זיך, פערשטעהען די למודים, ווי אויך אלעס אויסצודריקען אין **א ריינעם קלינגענדען העברעאיש.**

אונזער ביזיעצטיגען **פראגראם** פערברייטערן מיר מיט יודישע **געשיכטע, פאלעסטינאגראפיע און העברעאישע ליטעראטור.** אויך די למודי חול ווערען געלערנט אין זעהר א ברייטען מאסשטאב אזוי, אז אונזערע תלמודים האלטען אויס לייכט די עקזאמענס ביז די 4-טע קלאס רעגירונג'ס מיטעל-שולע.

**ראדאמער עלטערען!** מיט אונזער **פראגראם** און **פעדאגאגישע** מעטאדען האבען מיר שוין מעהרערע מאהל בעקאנט געמאכט און זאגאר בעגייסטערט די עפענטליכע מיינונג אין ראדאם! געדענקט, אז די ערציהונג פון אייערע קינדער ליגט אין אייערע אייגענע הענד!

מיט דרך ארץ

## דאנציגער, ליפשיץ און העכטמאן.

אויפ'ן קומענדען זמן ווערען צוגענומען תלמידים אין פראכטפולען לאקאל פון אונזער שולע, וויטאלדא (ספארנא) 7 פון 9 פריה ביז 2 מיטאג.

---

**כשר לפסח!** איך האב די עהרע בעקאנט צו מאכען **כשר לפסח**
די ג' בעפעלקערונג פון ראדאם אז מיין געשעפט איז איבערגעטראגען
פון **לובלינער 9** אויף **לובלינער 30**




איז בעזיין א גרויסען אויסוואהל פון
ליקערען, שליוואוויצע 80% כשר לפסח

ווייז און קאניאק
— פירמע —
**„כרמל"**
אונגארישע ווינען, ספירט 96%
פירמע ליינאמיל לחג הפסח חי אויך
האלאנדיאל און דעליקאטעסען אויסלענדישע און אינלענדישע
פון די בעסטע פירמעס. אלעס פערזעהן מיט'ן הכשר לחג הפסח.

מיט אכטונג **ב. האנצבערג** ראדאם לובלינער 30.

---

Prezesowi Egzekutywy i b. prezesowi Zarządu „KOLEŻEŃSKIEJ POMOCY", kol. S. LIPSZYCOWI z powodu Jego wyjazdu do Kanady, przesyłamy serdeczne podziękowanie za Jego pracę oraz życzymy szczęścia i powodzenia w nowym kraju.

**Zarząd „KOLEŻEŃSKIEJ POMOCY"**
**glmn. „PRZYJACIÓŁ WIEDZY"**
:—:—: **w Radomiu** :—:—:

---




---

Wielmożnemu Panu Dyrektorowi, Szanownej Radzie Pedagogicznej, oraz wszystkim koleżankom i kolegom gimn. „PRZYJACIÓŁ WIEDZY", przesyłam w dniu wyjazdu do Kanady, serdeczne podziękowanie za duchowy pokarm i za miłe chwile, które mi przysporzyli w szkole.

Życzę im pomyślności i owocnej pracy dla dobra jedyny placówki kulturalnej w naszem mieście oraz dla dobra całego społeczeństwa żydowskiego.

Radom.

Selim Lipszyc.

---

**אכטונג!** ווילסט זיך עלעגאנט און ביליג קליידען, **אכטונג!**
זא ווענד זיך צו דער לאנג עקזיסטירענדער פירמע

## א. קיילער, ראדאם לובלינער 36,

וועלכע איז פערזעהן צום זומער סעזאן אין א גרויסען אויסוואהל פון
**מענער אנצעגער, פאלטעס, גומי מאנטלען**
א. א. איך עמפפעהל **מענער הוטען** פון אינלענדישע און אויסלענדישע פירמעס צו קאנקורענץ פרייזען
פ. ס. איך נעם אויך אן בעשטעלונגען פון אייגענע און אנגעטרויטע סחורות.
**ערשטקלאסיגע ארבייט.**

---

# בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאכען מיר בעקאנט די יודישער בעפעלקערונג פון ראדאם און אומגעגענד, אז מיר בעזיצען אויף לאגער א גרויסען אויסוואהל
**מענער-אנצעגער, פאלטענס און גומע-מאנטלען.**
עס ווערען אויך אנגענומען בעשטעלונגען
**מעסיגע פרייזען — צוגענגליכע בעדינגונגען.**
מיט אכטונג
**Wytwórnia Ubiorów Męskich**
**p. f. „SŁAWA"**
**RADOM, LUBELSKA 9.**

## חלוב'ע געכט אין ראַדאָם.

קיין ראדאָם קומט אויף די צווייטע טעג יו"ט דאָס וואַרשאַוער יודישע קונסט-טעאַטער „וויקט" און וועט אויס-פיהרען די שענסטע און פרעכטיגסטע זאַכען פונ'ם ערשטקלאַסיג יודישען און אייראָפּעאישען רעפּערטואַר. די דאָזיגע נייעס איז א בשורה טובה פאַר'ן גאַנ-צען יודישען טעאַטער-פּובּליקום אין ראדאם, וועלכער איז פּשוט שוין אויס-געהונגערט נאָך א זנות'דיג קינסטלערישע טעאַטער. איוף וויפיל „וויקט" האָט גע-וועקט אינטערעס ביי די ברייטעסטע יו-דישע מאַסען און צוגעצויגען די אויפ-מערקזאמקייט פון דער ליטעראַריש-קינ-סטלערישער וועלט, איז גענוג בלויז דער פאַקט, וואָס „וויקט" איז געוואָרען די טהעמע פאַר דיסקוסיעס אין וואַר-שאַוער מאַגיסטראַט און אין די קהלה, וואו כ'קעמפּפען אלע וועלטליכע יודי-שע פּרנסים און ראַטמענער פאַר סובסי-דירען דאָס איינציגע יודישע קונסט-טעאַטער „וויקט".

די ידיעה, אַז „וויקט" קומט קיין ראדאָם האָט ארויסגערופען אונגעהוידע צופרידענהייט. דער היגער יודישער טע-אַטער-עולם וועט האָבען א עונג יו"ט, בעזוכענדיג די פאַרשטעלונגען פון די גרעסטע יודישע בּיהנע-קינסטלער, וואָס וועלען איהם פערשאַפען שעה'ען פון גייסטרייכען גענוס און קינסטלערישער דערה־יבענקייט.





Kino „CORSO"

w Radomiu.

פון דאָנערשטאָג דעם 14
ווערט דעמאָנסטרירט דאָס
הערליכע בילד

# GROBOWIEC MIŁOśCI

טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי" ראַדאָם.

# ו.י.ק.ט.

4 גאַסטראָלען פון וואַרשאַווער
יודישען קונסט—טעאַטער

אונטער דער לייטונג פון
אידא קאַמינסקא
און זיגמונד טורקאָוו

פרייטיג דעם 22-טען אפּריל ד. י. 9 אָזענד

## דער אוצר

קאָמעדיע אין 4 אַקטען
פון דוד פּינסקי

שבת דעם 23-טען אַפּריל ד. י. 3.30 נ. מ. צו פאָפּולערע פרייזען

## חאַשע די יתומה!

דראַמע אין 4 אַקטען
פון י. גאָרדין

שבת דעם 23-טען אפּריל ד. י. 9 אויגער אַ ענד

## וועלף

דראַמע אין 3 אַקטען פון ראָמען ראָלאַן
יודיש יצחק טורקאָוו

זונטאג דעם 24-טען אַפּריל 8.30 אָוענד — לעצטע געזעגענונגס-פאַרשטעלונג

## ברידער קאַראַמאַזאָוו

דראַמע אין 3 אַק. 10 בילדער
פון פ. דאָסטאָיעווסקי. — אינסצענירט פון אידא קאַמינסקא.

אַנסאַמבל פון „וויקט" לויט'ן א. ב.: פרויען: אַלטבוים סאָניע, קאַמינסקא אידא, ראַפּעל מרים. הערען: גרודבערג יצחק, דאַמב אדם, הירשפעלד זלמן, טורקאָוו זיגמונד, מאַנדעלבליט יעקב, מעלמאַן מאיר. מאַקסימאָוו מ. עפּשטיין בנימין. אדמיניסטר.: מאַקסימאָוו.

בילעטען פריהער צו בעקומען אין אַפּטייק-סקלאַד פון ה' צימערמאַן ל' בלינער 11 און אין די טעג פון די פאַרשטעלונגען אין קאַסע פון טעאַטער.

אכטונג קעלץ! מאָנטאג דעם 25 און דינסטאג דעם 26-טען אפּריל 2 פאַרשטעלונגען פון „וויקט" אין טעאַטער „פּאַלסקי"


דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס די און טרייער פערבליבענע פאַמיליע פּריש צוליעב דעם טויט פון זייער הייס געליבטע

פרוי און מוטער

# ציריל פּריש

וואָס איז געשטאָרבען אין עלטער פון 58 יאָהר
זאָלען זיי א טרייסט געפונען.

אביש דוד בירענבוים.

Zarząd T-wa
„Chinuch Jeludim"
niniejszem składa serdeczne podziękowanie firmie „Floransje" za dar w postaci mydełek toaletowych, złożony na święta dla dzieci Pierwszej Ochrony Żydowskiej

Serdeczne podziękowanie składa p. Drowi Cungowi i p. Drowi Kelerwurmowi, za ich troskliwą opiekę lekarską w czasie całej choroby, aż do mojego wyzdrowienia.

Rekonwalescentka
Rózia Sobelmanówna


CZEKOLADA
TABLICZKOWA

# G. G. LARDELLI

**PRZEKONYWUJĄCEJ**
**DOBROCI**
**Gorzka**
**Mleczna**
**Deserowa**
**Śmietankowa z migdałkami**
**Kawowa**
**Orzechowa**
**Pomarańczowa**

Jen. Przedst. D/H R. WERTHEIM, Warszawa,
Królewska 18, Telefon 64.

## וואָרנונג!



עכט נור אין דער דאָזיגע פערפּאַקונג.

צוליב דעם וואָס ס'האָבען זיך אין פערקויף בעוויזען פרעפּאַראַטען, וועלכע מאַכען נאָך אונזער מיטעל געגען שווייס **SUDORYN** און וועלכענ'ס נאָמען אונטערשיידעט זיך נור מיטן ענדערען פון אייצעלנע אותיות, וואָרנען מיר דאָס ג. פּובּליקום, אַז דאָס עכטע שוין פון א האַלבען יאָהר הונדערט בעקאַנט.

# SUDORYN Z SITKIEM

ווערט אויסגעאַרבייט נאָר אין מיין לאַבּאָראַטאָריום, אויף וועלכען איך בעט ביים איינקויפען

## אכטונג צו גנבים.

גלייכצייטיג וואָרען איך די געוויסענלאָזע נאָכמאַכער, אַז מיין מיטעל איז פּאַטענטירט, און יעדע נאָכמאַכונג וועל איך געריכטליך פערפאָלגען.

*Fabryka Chemiczno-Farmaceutyczna.*

„Ap. KOWALSKI"

w WARSZAWIE.

Kino „ODEON" w Radomiu

פון זונטאג דעם 17-טען קוויעטשען ה. י. ווערט דעמאָנסטרירט

# ŚWIATŁO AZJI

**(Maharadża z Sudanu)**

w rolach głównych: **Himansu Ria i Saette Davis**


Redaktor i Wydawca CH. M. HERC — Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlikowska № 20.